אבער דער רמב"ם זאגט יא, שראשון זה הוא יום ארבעה עשר. ס'איז נישט אזוי ווי די פשט וואס דו האסט געזאגט אז ס'דארף שוין זיין מושבת, נאר ביי יום הראשון. וועגן דעם טראכט איך, ביי יום הראשון פון די איסור חמץ.

### Speaker 2:

וואס שטייט אבער "שבעת ימים"? ס'איז דא שמונה ימים קומט אויס. איך מיין, ס'שטופט דאך אלץ נישט אריין אזוי אין די פסוק.

### Speaker 1:

ניין, "שבעת ימים" שטייט אויף "מצות תאכלו". נאר זיבן טעג איז "מצות תאכלו".

וואס איז די לשון הפסוק? זיבן טעג זאל מען עסן מצות. אבער נאך פאר אפילו איז דא די מצוה פון מצה, נאך ביום הראשון פון די איסור חמץ זאל שוין זיין "תשביתו שאור מבתיכם". און ער ענדיגט צו "כי כל אוכל חמץ".

אויב גייט מען פשוט'ישע מקרא איז אזוי, דו זאלסט עסן מצות. פארוואס זאלסטו עסן מצות? ווייל ס'איז דאך נישט דא קיין חמץ. די איינציגע זאך וואס דו מעגסט עסן איז מצות. ס'איז דאך נישט אזוי, ווייל אונז ווילן דאך אז ס'זאל זיין א מצוה, נישט סתם א פראקטישע העלד.

זאגט ער, זיבן טעג איז דא מצות מצה. קען טאקע זיין אז דאס איז וואס דער פסוק זאגט, זאלסט נישט מיינען אז אלע טעג וואס ס'איז דא איסור חמץ איז אויך דא מצות מצה, אז מצות מצה הייבט זיך שוין אן פון ערב פסח ביי חצות? ניין. די מצוה פון מצה איז נאר דא זיבן טעג. און די איסור חמץ איז שוין דא אכט טעג, און אין די ערשטע פון די אכט טעג זאל מען מאכן די השבתה.

נישט מיט די אכט טעג, just to be clear. ערב פסח איז דא איסור. אין די ערשטע טאג פון איסור חמץ איז דא די מצוה פון תשביתו.

נישט הונדערט פראצענט קלאר, אבער איך גיי מיט די רמב"ם, ווייל דער רמב"ם זאגט מען טאקע אז ס'איז על פי השמועה, אונז האבן אזוי מקבל געווען אז דאס מיינט עס. ס'איז דא א שטיקל ראיה אויך.

**דיסקוסיע: די שייכות צווישן מצות עשה פון תשביתו און לא תעשה פון לא יראה**

רייט, דאס איז נאר אונז זאלן מיר האבן א מצות עשה. דאס אז מ'דארף אוועקטרייבן אלע חמץ, וואלט מען געוואוסט אפילו אן די מצות עשה וועגן די לא תעשה פון האבן חמץ, וואס אונז האבן פריער געלערנט אז ס'איז "אך ביום הראשון", די גמרא זאגט פון "אך", אדער די גמרא זאגט וועגן "לא יאכל חמץ". "לא יאכל חמץ", די איסור פון יום ארבעה עשר. דער רמב"ם לערנט עס ארויס פון "לא תאכל עליו חמץ". איך זאג, איך געדענק די אנדערע, די גמרא זאגט אזוי פון "אך ביום הראשון תשביתו".

אבער וואס? וואס זאגסטו?

### Speaker 2:

וואס?

### Speaker 1:

סאו נאכאמאל, יעצט רעדט מען נישט פון יענע איסור. יענץ איז אן אנדערע סארט איסור. מיינט, ס'איז דא אן איסור צו עסן חמץ. ניין, האבן חמץ. "לא יראה ולא ימצא" זאגן אונז. אז מ'טאר נישט האבן חמץ, און מ'טאר נישט עסן. ס'קען זיין אז... זייער אינטערעסאנט. סאו אויף אכילת חמץ איז דא א לאו, און אויף האבן איז דא אן עשה. זעט אויס.

און דער פסוק אפשר "לא תשחט על חמץ", וואס מיינט פאר חמץ קער, איז נישט די זעלבע וואס ער האט געזאגט פריער, אז מ'טאר נישט עסן בזמן שחיטת הפסח.

### Speaker 2:

און פארוואס זאל נישט דאס זיין אויך א לאו?

### Speaker 1:

אויך א לאו, ס'זאל זיין "לא תשחט על חמץ דם זבחי", ס'זאל זיין א לאו פון האבן חמץ ווען מ'שעכט די קרבן פסח. ער זאגט עס נאר ווי א ראיה לדבר. דער רמב"ם זאגט אז ס'איז דא אזא לאו ביי די ווער. ס'איז דא אזא לאו. פארוואס טאקע נישט זאגן א לאו? "לא תשחט על חמץ דם זבחי", ס'איז דא א לאו. איך ווייס נישט. איך ווייס נישט וואס ס'גייט פאר.

בסדר, ער זאגט עס נאר ווי אופן ראיה לדבר. א ראיה אז תשביתו מיינט דאס. יא, איך דאונט נאו. איך ווייס טאקע נישט.

אבער אגען, דאס איז נאר דער רמב"ם'ס טרייען צו ברענגען אז דער פסוק זאל מאכן סענס אז ס'שטייט דאס. דער אמת איז אז מיר ווייסן דאס ווייל די חכמים זאגן אונז אז ס'איז הלכה למשה מסיני.

### Speaker 2:

פארוואס זאל מען עס נישט זאגן ווי א לאו?

### Speaker 1:

איך זאג דיר ווייל... אגען, דער מקור פון די אלע הגדרות איז נישט פון די פסוק, לאמיר זיין קלאר. ס'איז מפי השמועה. אז וואס איז די הלכה? אזוי איז די הלכה. ס'איז דא א מצוה צו להשבית זיין, ס'איז נישט די זעלבע ווי

דער איסור אכילת חמץ ערב פסח, ס'איז אויך נישט די זעלבע ווי איסור לא יראה א גאנץ פסח.

איך וואלט דיר געזאגט עפעס אנדערש, איך האב געמיינט דו מיינסט דאס צו פרעגן, איך געדענק אז מענטשן פרעגן דאס, פארוואס דארף מען האבן בכלל די איסור השבתה? ס'איז דאך דא אן איסור לא יראה. אויב מ'טאר נישט לא יראה חמץ, סאמהאו דארפסטו פטור ווערן פון דעם ערב פסח. וואס דען זאלסטו טון?

דאס איז פשוט, ס'איז דא אסאך מאל אין די תורה, ס'איז דא א לאו און אן עשה, ס'איז דא אן איסור השבתה פון "תשביתו". יא, מצות עשה, ער הייבט אן מצות עשה, האט מען שוין געזאגט אז ס'איז דא א לאו אין ערב פסח.

אבער ס'איז אינטערעסאנט, פארוואס? קוק, ווייל לאמיר לערנען די נעקסטע שטיקל, לאמיר זען. לאמיר טרייען צו לערנען די עיקר הלכה פון בדיקת חמץ אויך, ווייל איך האב דא עפעס א בעיסיק זאך. אזוי ווי דו ביסט לערנען הלכות פסח, נוצן זיך די זאכן, זיי זענען נישט די ערשטע.

אקעי, ס'איז טאקע א פלא פארוואס "לא תשרי חמץ" איז נישט קיין לאו אויף האבן חמץ פון ערב פסח נאכמיטאג, ווייס איך נישט. שוין.

**הלכה ב: מהו השבתה האמורה בתורה — ביטול בלב**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, וואס טייטש די השבתה? ער האט געזאגט "להשבית". יעצט גייט ער מסביר זיין וואס טייטש להשבית.

זאגט ער, **"מה היא השבתה זו האמורה בתורה? שיבטל החמץ מלבו, ויחשב אותו כעפר, וישים בלבו שאין ברשותו חמץ כלל"**. ער זאל מבטל זיין די חמץ פון זיין הארץ, ער זאל עס באטראכטן אזוי ווי עפר, ער זאל צולייגן קאפ, ער זאל מאכן פארזיכערן... "וישים בלבו" מיינט ער זאל טראכטן אין זיין הארץ, ער זאל פארזיכערן...

ניין, איך קען לערנעןביידע וועגן, ווייל איך טראכט יא אז די דאורייתא מיינט אויך נישט אז ס'זאל בלייבן בולקעלעך אין זיין הויז. ס'מיינט אזוי, אז דו זאלסט וויסן אז דו גייסט נישט עסן חמץ, און ממילא זאלסטו פטור ווערן פון די חמץ. ס'מיינט נאך נישט אז דו דארפסט נאכזוכן. די חכמים זאגן אז דו דארפסט נאכזוכן.

ניין, ניין, דאס איז נישט ריכטיג, דאס איז נישט ריכטיג. דער רמב"ם האט געוואוסט פון די גמרא אז ביטול בעלמא סגי. איך האב נאר געמאכט די אלע דעת ווייל דער רמב"ם זאגט זייער אסאך ווערטער אויף וואס איז די טייטש פון די ביטול.

ביטול בעלמא סגי מיינט אז ס'איז נאך דא חמץ ברשותו, ער זאל טראכטן אז ס'איז נישט דא. דאס איז די טייטש. ווען ס'ליגט אויף זיין טיש א ברויט, העלפט נישט די...

## Speaker 2:

לא נכון, לא נכון, לא נכון. ס'העלפט יא, ווייל ער האלט פון אים בתור עפר.

## Speaker 1:

**"וכל חמץ שברשותו"**, רייט? ער האט חמץ אין זיין רשות. אויב איז דא חמץ אין זיין רשות, **"הרי הוא כעפר. כדבר שאין בו צורך כלל"**, דאס וואלט געווען געגוג השבתה מן התורה. דאס איז די טייטש השבתה האמורה בתורה.

**דיסקוסיע: איז ביטול בעלמא אויך די פשט אין "לא יראה"?**

סאו, דאס פרעג איך, אויב איך וואלט גלייך געוואלט פרעגן, דאס איז אויך "לא יראה" האמורה בתורה? ווייל ס'איז זייער אינטערעסאנט, דער רמב"ם זאגט דאס אויף השבתה, אבער "לא יראה" מיינט אויך דאס, מ'זאל זיך דאכטן אז ס'איז נישט דא.

דאס איז מיר א שאלה, ווייל לכאורה וואלט מען געדארפט מאכן בדיקת חמץ מדאורייתא וועגן "לא יראה". דער רמב"ם לייגט עס אריין אלס השבתה, און דו האסט מיר געזאגט א מינוט צוריק אז השבתה איז basically די זעלבע זאך ווי "לא יראה", נאר בלשון עשה. איז זייער אינטערעסאנט אז דער רמב"ם זאגט נישט מהו "לא יראה" האמורה בתורה.

## Speaker 2:

ניין, איך האלט מען קען לערנען דעם רמב"ם אביסל אנדערש, אז די תורה זאגט נישט אז מ'דארף זוכן אין די הויז. די תורה זאגט, נעם ארויס די חמץ וואס ליגט אינמיטן דיין...

## Speaker 1:

דאס איז נישט אמת. דאס איז נישט אמת. אויף דיין טאץ וואס איז אנגעגרייט צו עסן פאר די נעקסטע טאג-צוויי ליגט חמץ, נעם עס ארויס. און זיי "משבית", זיי עס מבטל וואס איז יא געבליבן. נאכדעם קומט די חכמים, מ'דארף גיין נאכזוכן איבעראל אין די גאנצע רשות.

## Speaker 2:

דאס איז זיכער נישט אמת, ווייל ס'איז זיכער נישט אמת אז מ'דארף anything ארויסנעמען מיט די הלכה פון ביטול בעלמא. דאס איז exactly וואס ס'שטייט, אז מ'דארף נישט ארויסנעמען.

## Speaker 1:

by the way, בדיקה מיינט נישט זוכן, בדיקה מיינט ארויסנעמען, ביאור. וועלכע ברכה מאכן מיר אויף בדיקת חמץ? "על ביעור חמץ". גלייך ווען מען זאגט "על ביעור חמץ", אויך אמת, אבער ס'איז נישט אמת אז די הלכה פון בדיקת חמץ איז נאר די זוכן. די הלכה פון בדיקת חמץ איז בכלל מבער צו זיין, ווייל ודאי מען מאכט א ברכה "על ביעור חמץ", נישט "על בדיקת חמץ".

## Speaker 2:

ס'מער א proactive ביאור, א proactive אויסטראג.

## Speaker 1:

נישט proactive, ווייל מען דארף פאקטיש עפעס טון. אבער איך גלייב נישט ווען מען זאגט דאורייתא "שביטול חמץ" מיינט אז עס קען בלייבן אויף זיין פלאץ. ס'מיינט "כל חמץ שברשותו", אוודאי.

**דיון בשיטת הרמב"ם: תשביתו מיינט ביטול בלב**

## Speaker 1:

ניין, איך וואלט ווען... מ'קען לערנען דעם רמב"ם אביסל אנדערש, אז די תורה זאגט נישט מ'דארף זוכן אין די הויז. די תורה זאגט, נעם ארויס די חמץ וואס ליגט אין דיין... דאס איז נישט אמת. דאס איז נישט אמת. דאס איז זיכער נישט אמת. אויף דיין טיש וואס איז אנגעגרייט צו עסן פאר די נעקסטע טאג צוויי ליגט חמץ, נעם עס ארויס. און זיי האבן משבית, זיי האבן מבטל וואס איז יא געבליבן. נאכדעם קומען די חכמים אז מ'דארף גיין נאכזוכן איבעראל אין די גאנצע רשות.

דאס איז זיכער נישט אמת, ווייל ס'איז זיכער נישט אמת אז מ'דארף עניטינג ארויסנעמען מיט די הלכה פון ביטול בעלמא. דאס איז עניטינג וואס ס'שטייט, אז מ'דארף נישט ארויסנעמען.

**די ברכה "על ביעור חמץ" — בדיקה מיינט ביעור**

## Speaker 1:

ביידע וואס דו ביסט, בדיקה מיינט נישט זוכן, בדיקה מיינט ארויסנעמען. ביעור. וועלכע ברכה מאכן אים, **על ביעור חמץ**. גלייך ווייל ער זאגט, ער זאגט ער מאכט ביעור חמץ. אויכעט אמת, אבער עס איז נישט אמת אז די הלכה פון בדיקת חמץ איז נאר די זוכן. די הלכה פון בדיקת חמץ איז בכלל מבער צו זיין, ווייל וראי, מען מאכט א ברכה על ביעור חמץ, נישט על בדיקת חמץ. ס'איז מער א פראאקטיוו ביעור, א פראאקטיוו אויפרע. נישט נאר א פראאקטיוו, ווייל מען דארף פאקטיש עפעס טון.

**קשיא: "כל חמץ שברשותו" — צו מיינט עס ממש חמץ אין הויז?**

## Speaker 2:

אבער איך גלייב נישט, ווען מען זאגט די רצון שיעור, חמץ מיינט אז עס קען בלייבן אויף זיין בלאט די ברויער. ס'מיינט כל חמץ שברשותו, אוודאי.

### Speaker 1:

ס'מיינט יא. ס'מיינט יא, ס'איז נישט קיין שום... ס'מיינט אז ס'איז דא חמץ, ער האלט נישט דערפון. אזוי זאגט דער רמב"ם, **כי דבר שאין מצורע וכדומה**.

**קשיא: "לא יראה לך ולא ימצא לך" — וואס איז מיט די פסוקים?**

### Speaker 2:

וואס די תורה זאגט דאך **לא יראה לך ולא ימצא לך**.

### Speaker 1:

אה, זייער גוט. איך מיין אז דער רמב"ם מיינט נאר דוקא אויף די תשביתו. ס'איז נישט אמת, ס'איז נישט קיין ספק. דו קענסט נישט מאכן א נייע תורה קעגן אלע וואס ס'שטייט. וואס ס'שטייט איז אז בי השבתה, פרעגסט א שאלה, אויב השבתה מיינט לרעה? די זעלבע זאך, השבתה לרעה מיינט נישט ליטערלי. ער מיינט ביטול, איז וואס ער מיינט.

### Speaker 2:

וואס זאל איך טון?

### Speaker 1:

אזוי שטיין. דער אמת איז אז דאך איז טאקע מבטל, ווייל ער גייט עס מער קיינמאל נישט קענען נוצן.

### Speaker 2:

יא, ס'איז דאך דא אויך די איסור אז מ'טאר עס נישט נוצן נאך יום טוב.

### Speaker 1:

ס'איז פראקטיש, מסתמא ביסטו גערעכט אז פראקטיש, אויב א דבר שאין בצורך, מסתמא גייט עס אויסקלינען, ווייל ער קלינט דאך פאר יום טוב.

**פשוטו של מקרא: תשביתו מיינט ביטול בלב**

### Speaker 1:

איך זאג אין די פשוטו של מקרא זעט אויס אזוי, אז פסח איז אנדערש ווי אלע טעג, דיין מיל זענען נישט חמץ. און נישט נאר דאס, נאר דו זאלסט עס אויך ארויסטראגן. אויף דעם זאגט ער, ס'מיינט נישט אז מ'דארף יעצט גיין זוכן, נאר ס'מיינט נישט אז מ'דארף ארויסטראגן. ס'מיינט אז מ'דארף גארנישט טון, מ'דארף נאר טראכטן.

**די גמרא זאגט דאס אויף השבתות**

### Speaker 2:

איך זאג דיר וואס די גמרא זאגט דאס. ער זאגט דאך לענין השבתות. די גמרא האט געהאלטן אויך אויף השבתות?

### Speaker 1:

יא, די גמרא זאגט עס ביסל בעלמא סתם, די גמרא זאגט עס אויף בדיקת חמץ, "בל יראה" מיין איך שטייט אין די גמרא. מ'דארף פארשטיין קלאר בעסער. דער רמב"ם האט דא געמאכט אזא געוויסע summary פון די גמרא, און ס'איז נישט הונדערט פראצענט פשוט אז דאס איז די פשוט'סטע וועג צו מאכן די summary פון די זאך, אבער אונז לערנען יעצט וויאזוי דער רמב"ם האט עס אוועקגעלייגט, און אזוי זעט אויס פון דער רמב"ם.

**חמץ שבלב — דער חסידישע טייטש**

### Speaker 1:

אבער דער רמב"ם זאגט דאס אז די השבתה טייטשט בלב. ווי מאכט מען ביטול חמץ? ווי מאכט מען ביעור חמץ? אין די הארץ. די חמץ שבלב. עס איז שוין די חסידישע טייטש. עס איז שוין חמץ שבלב, אבער חמץ, עס איז דאס נישט חמץ שבלב. עס איז אסאך בעסער, אסאך מער א דקות אין די חסידישע טייטש.

**חידוש:** חסידים מיינען אז נאר דברים שבלב קענען מבטל זיין בלב. דער חמץ זאגט, ניין, אפילו א פאקטישע חמץ קען מבטל זיין בלב. ווייל דער עיקר איז די לב. אלעס אנדערש איז נישט וויכטיג. עה, מ'ווייסט נישט. מדרבנן איז יא וויכטיג, ווייל נישט מדאורייתא.

**קשיא: מעשיו מוכיחים — אויב ער האלט שיינע חמץ אין הויז**

### Speaker 2:

אבער די השבתה קומט דאך אויך מיט מיט דעם אז מ'האט געבאקן חמץ, מ'האט געבאקן מצה, און מ'ווייסט אז מ'גייט נישט יעצט עסן. אויב איז געבליבן עפעס, זאגסטו אז דו ביסט פראקטיש אזוי ווי ביי א בעל הבית'ס... און למעשה, אויב איז דא שיינע חמץ אין זיין הויז, איז נישט מעשיו מוכיחים אנדערש ווי וואס ער האט געטון בלב, אז ער האלט עס יא.

### Speaker 1:

פארוואס האלט ער עס? ער האלט עס נישט, ביטער ווייל. ס'איז כעפר. ביי די וועי, דער גוי וועט שוין ארויסנעמען דאס. דער גוי רעדט אויך אין די קאנטעקסט אז ס'מאכט סענס. אויב ער האט א שיינע חלות, העלפט נישט זיין... אזוי ווי א מענטש טוט בלב, בפיו ולבו אינם שווים.

**חידוש: מדאורייתא מעג מען יא האבן חמץ**

### Speaker 1:

וועגן דעם, ווען ער זאגט לכפש, איז די ענד צו דעם. מיר זאגן אז אין די תורה איז נישט דא די עצם מצוה פון ממש נאכגיין. ס'זאל נישט זיין חמץ, מ'ווייסט אז חמץ איז מער נישט רעלער, אבער ס'איז נישט אמת אז ווען ער זאגט אז מדאורייתא איז ביטול מיינט אז מ'מעג נישט האבן חמץ. מ'מעג יא האבן חמץ מדאורייתא, נאר מ'טאר נישט האלטן דערפון.

### Speaker 2:

דו ביסט גערעכט, מסתמא פראקטיש. אויב ער האלט נישט, וועט עס ארויסדארפן. אבער דאס איז שוין א פראקטישע זאך.

**הלכה ג: בדיקת חמץ מדברי סופרים**

### Speaker 1:

ענדיגט דער רמב"ם צו, אבער **מדברי סופרים**, וואס די חכמים האבן געטון איז, זיי האבן געאסר'ט, זיי האבן צוגעלייגט, **לחפש אחר החמץ**. וואס ווילן מיט די רבנן? צו זוכן די חמץ אויף **במחבואיו ובחוריו** איבעראל, **ולבדוק ולהוציאו מכל גבולו**.

### Speaker 2:

ניין, גוט. עס ארויסנעמען פון איבעראל.

### Speaker 1:

דאס איז איין הלכה אזוי ווי, און נאכדעם ווען דעם קומט אריין נאך אזוי פרטים.

### Speaker 2:

ניין, דער חידוש איז ווייל דאס וואלט געווען נאר בייטאג. נישט נאר ווען ס'הייבט זיך אן די איסור, דעמאלטס זאל מען עס ארויסדריגן, נאר מ'זאל מאכן א ספעציעל צייט פאר דעם נאך אפילו פאר דעם.

**זמן הבדיקה: ליל ארבעה עשר לאור הנר**

### Speaker 1:

**שבודקים את החמץ בלילה מתחלת ליל ארבעה עשר**, און מ'זאל עס טון **לאור הנר**, ווייל ס'איז ביינאכט. זאגט ער צוויי סיבות. זאגט ער, פארוואס טוט מען עס ביינאכט? ווייל **שבלילה כל העם מצויין בבתיהם**. און פארוואס טוט מען עס מיט א לעכט? איז ווייל **אור הנר**... פארוואס טוט מען עס ביינאכט לאור הנר? ווייל **אור הנר יפה לבדיקה**.

### Speaker 2:

יא, אור הנר מיינט נישט לאפוקי בייטאג. בייטאג טוט מען עס נישט, אבער נישט אן א לעכט. לאפוקי עפעס אן א נר, אבער אפוקי מיט אן אבוקה,

וואטעווער אנדערע זאכן.

**ואין קובעין מדרש — נישט אנהייבן לערנען**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם וויטער, **ואין קובעין מדרש בסוף יום שלשה עשר**, פון די ענד פון יום שלשה עשר, דאס הייבט זיך אן פאר ס'הייבט זיך אן די תחלת לילה בתר, הייבט מען נישט אן קיין נייע זמן פון לערנען. **וכן החכם לא יתחיל לקרות בביתו**. ס'טייטש, פאר די גאנצע עולם איז מען נישט קובע לערנען, און די חכמים זאלן ניטאמאל לערנען תורה, זיי זאלן ניטאמאל זיין קורא ביתו. דאס מיינט פשוט לערנען בעצמם וביחיד. בציבור הייסט א מדרש, אבער מ'דרש'נט, אבער וואטעווער, אפילו אליינס וועט ער נישט אנהייבן צו לערנען. ווייל **שמא ימשך וימנע מבדיקה בתחלת זמנה**, כדי ס'זאל נישט זיין א חשש, אז מ'וועט נמשך ווערן אויף דעם.

**דיון: וואס מיינט "שמא ימשך" — תורה איז א דבר המושך**

## Speaker 1:

דא לערנט מען די וויכטיגע זאך פון וויאזוי מ'לערנט. אויב איינער לערנט, ס'איז נישט דא קיין שמא ימשך, ער ווייסט אלעמאל ווען דיין זמן, ווען מ'ענדיגט די לערנען איז, איז נישט פון די סארט לערנען האבן די חכמים גערעדט.

פון דעם זאג איך פאר די וואס איך דארף דא יעדן טאג גיין אויפפיקן די בעיבי פון די בעיבי סיטער, אז אלעס האט דאך געמאכט, ס'ענדיגט זיך נאך אין סדר אין ישיבה דא אין לעיקוואוד, וואטעווער, איז איך פארשטיי נישט וויאזוי ס'קען זיין. נאכדעם האבן די טענות אז איך קום שפעט. וואס הייסט? ס'איז דאך דא א הלכה, אויב ס'וואלט געווען א חיוב אז מ'דארף קומען אין סייל, וואלט געווען אן עצה צו לערנען די ערשטע סדר. אלא מאי? מ'רעדט דאך, מ'וועט אנקומען. מען ווייסט, קען אנהייבן אז בעצם די סדר רעדט עס דאך א שעה שפעטער, די לעצטע שעה איז די שמא ימשך צייט. אבער לערנען איז א זאך וואס איז מושך.

**קלערונג: "מדרש" vs. "קורין" — וואס מיינט "לקרות"?**

## Speaker 2:

די מלכים איז א זאך אז ווען מ'איז קובע אין מדרש טוט מען עס אייביג אין מדרש, און נאר ווען מ'לערנט אליין לערנט מען מקרא?

## Speaker 1:

ניין, מדרש איז דאך א זין תורה. איך מיין אז מדרש איז טאקע א שיעור קבוע, א שיעור ברבים. און קורין, איך מיין נישט אז קורין בדרבה מיינט דוקא לקרות מקרא. איך האב געזען אין מיינע נאוטס פון פריער האבן מיר גערעדט פון דעם דאס א מאל. איך מיין אז קורין בגמרא. קורין מיינט ליינען. ס'מיינט לאפיקא דוקא. ער איז נישט איבער, ער איז נישט פאר זיך. אזוי מיינט איך, ווייל ס'קען נישט קיין א חכם דוקא מקרא, עניטינג וואס ער לערנט איז... איך געדינק אז רבינו בן נחה האט עפעס געזאגט וועגן דעם, אדער אנדערע. אזוי שטייט אין די צעטל פון לעצטע מאל.

**דער ר"ן: עונת תלמידי חכמים משבת לשבת**

## Speaker 1:

זייער וויכטיג. מ'האט שוין אסאך מאל נאכגעזאגט דער ר"ן. דער ר"ן זאגט אז דאס וואס שטייט אז אונס תלמידות מלחמה איז משבת לשבת, מיינט רוב שבתים, ווייל ס'קען זיך זיכער מאכן אז דער חכם קומט נישט אהיים פרייטיג צונאכטס אויכעט, ווייל ער האט זיך פארטוען א סוגיא, ס'איז געווען א שווערערע סוגיא די וואך. ס'קען נישט זיין אז דער חכם איז נישט קיין אזא זאך וואס ער קען האבן א סדר קבוע ווען ער ענדיגט זיין לערנען. דו הערסט?

רייט, ווייל די לערנען דארף זיין מלאכתו עריה, ווייל ס'איז א דבר המושך. אזוי ווי איינער זאגט, גיי צו די זאך וואס איז די מערסט אינטערעסאנט, און סטאפ. יעדער איינער ווייסט אז ווען מ'קוקט אויף די סקראל ענדיגט עס נמשך. יא, תורה איז חס וחומר. רייט.

**פאראלעל: די דין פון סעודה פאר מנחה**

## Speaker 1:

און אזוי ווי ס'שטייט אז מ'טאר נישט אנהייבן א סעודה פרייטאג ווייל ער גייט נמשך ווערן ביי אכילתו. נישט פרייטאג, פרייטאג איז אן אנדערע ריזען, אבער ווי מ'האט געמיינט פאר מנחה, וואטעווער, פאר מנחה, ווען דארף טון א מצוה. ס'איז דא די זעלבע הלכה לכאורה. דאס איז אויך אויף לערנען. ס'איז זייער וויכטיג אז מ'זאל נמשך ווערן.

**[דיגרעסיע: דער ראפיסטריוועקער רבי]**

## Speaker 1:

דער ראפיסטריוועקער רבי, ר' ירושלים מרדכי, האט געהאט חברותות. ער וועט קיינמאל נישט זאגן ווען ס'ענדיגט זיך. די חברותא האט געדארפט אלעמאל פארמאכן דאס, ווייל ווען נישט דער רבי וואלט געלערנט, ער וואלט געלערנט ביז פרייענבורג. איך ווייס נישט, ער וואלט נאך היינט געלערנט אויכעט, ווען יענער מאכט עס נישט צו זיין סטאפ. געוואלדיג.

**הלכה ד: פרטי בדיקת חמץ**

## Speaker 1:

הלכה ד' — זיי האבן עס געלערנט. ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל דא גייט עס שוין אריין פרטים. דאס הייסט, ביז יעצט מער וויניגער איז געווען אזוי ווי די כללי הדברים. יעצט, אז מ'האט געזאגט אז די חכמים האבן טאקע געוואלט אז מ'זאל מאכן בדיקת חמץ, גייט שוין אריין אלע פרטים פון בדיקת חמץ, און נאכדעם וועט מען רעדן אלע פרטים פון די עצם עשר חמץ.

אינטערעסאנט, פארשטייסטו, איך זאג עס אביסל בעקווארדס. דער רמב"ם אלעמאל גייט אזוי. איך מיין אז קיינמאל גייט נישט אזוי ווי ער זאגט אלע כללים, און נאכדעם הייבט ער אן פון אנהייב. כמעט אלעמאל עפעס סאמהאו פארט עס אריין אין זאכן. אינטערעסאנט.

**דער רמב"ם זאגט נישט דעם טעם פאר בדיקה**

## Speaker 1:

און דער רמב"ם זאגט אויך נישט די סיבה פארוואס. פארוואס האבן די חכמים צוגעלייגט מצוות בדיקת חמץ? אמאל זאגט ער סיבות, אמאל זאגט ער נישט סיבות. אין די גמרא איז דא א באקאנטע מחלוקת וואס רש"י זאגט וועגן אפשר וועט מען צוקומען צו עסן, אנדערע ראשונים זאגן ווייל אפשר מיינט ער נישט עכט זיין ביטול, אפשר איז די ביטול נישט געגוג עכט. סאו די אנדערע ראשונים איז דער רמב"ם אין א געוויסע סין.

**וואו דער רמב"ם לייגט בדיקה — ווייזט דעם טעם**

## Speaker 1:

דאס הייסט, דער רמב"ם זאגט נישט... אין די גמרא שטייט יא עפעס א טעם אז ער גייט טרעפן א גלוסקא יפה און אזוי ווייטער. אה, מיר זאגן, דער רמב"ם, אין די פלעיסמענט וואו ער לייגט עס, זעען מיר אונז אז ס'איז א חלק פון די דין. און פטור ווערן מיט די דין תשביתו. יא, ס'זעט פון די רמב"ם. ווייל די רמב"ם, ווען ער זאגט נישט א טעם, קוקט מען וואו ער לייגט עס. ווען ער וואלט עס גלייגט לעבן די איסור פון עסן, וואלט מען פארשטאנען אז ס'איז א שם האה וועט מען עסן. ניין, די לומדים מוטשענען זיך אויף די רמב"ם, אבער איך מיין אז מ'זעט נישט נאר פון עסן, נישט פון לא יראה.

**חידוש: בדיקה איז א מדרבנן'דיגע פירוש פון תשביתו**

## Speaker 1:

די רמב"ם זעט עס אויס אז ס'איז די פירוש מדרבנן כאילו אויף די נושא פון תשביתו. מדרבנן הייסט תשביתו מיינט זיי מבטל. די רמב"ם זאגן ניין, זיי מבטל, זיי משבית בפועל ממש. דאס זעט אויס פון די לשון הרמב"ם. ער איז נישט מסביר. פארוואס? ער זאגט נישט אז ס'איז געווען אן ענדיגער אזוי ווי מ'וואלט נישט געמאכט. ער לייגט עס אראפ, כאילו.

**שאלת אחרונים: צי בדיקה קען ווערן דאורייתא?**

**Speaker 1:**

און פארדעם קומען אזעלכע אחרונים און פרעגן אזא שאלה, למשל, צו לויט דעם רמב"ם, אויב מ'האט נישט געמאכט ביטול, צו דעמאלטס וועט יא בדיקה זיין א מצוה דאורייתא? ס'קען זיין, מ'קען עס הערן אין דעם רמב"ם, אזוי ווי אז די תורה אליין זאגט דאך אז מ'דארף עס משביר זיין. אבער וואס דען? די תורה זאגט אז בלב איז גענוג. אויב מ'האט נישט געמאכט בלב... אדער אויב מ'האט נישט געמאכט, דו קענסט ווייסט אז די זעלבע זאך. די רבנן איז אויך א קיום פון תשביתו, ווייל... דאס איז ביי כל החומר, אויב בהשביתו בלב ארבעט כל החומר אז ס'ארבעט ווען מ'ווארפט עס ארויס.

#### "פוט יור מאני ווער יור מאוט" — באווייז דעם ביטול

**Speaker 1:**

מ'קען נישט אויך אנקוקן אזוי ווי אביסל, אזוי ווי אז ווען א מענטש טוט עפעס בלב, זאגט מען אים, לאמיר זען, פוט יור, איך ווייס, יור מאני ווער יור מאט, איך האב געדענק נישט די אויסדרוק. לאמיר זען צו דו מיינסט עס עכט. אויב דו האלטסט עס און דו

#### הלכה ב — אין בודקין לא לאור הלבנה ולא לאור החמה

**Speaker 1:** אבער אז דו ווייסט אז נאך יום טוב גייט מען עס עניוועי נישט נוצן, און דו טוסט די תקנת רבנן, דעמאלטס ווייסן אונז אז דער ביטול איז געווען עכט.

יא, אבער דער רמב"ם זאגט עס נישט, און זיי מאכן ספעקולעישאנס. פיין, ס'זעט אבער אויס די נקודה, אז דער רמב"ם פארשטייט אז דאס איז די...

איך וואלט געזאגט, אויב דו פרעגסט מיך, איך וואלט געזאגט פארקערט. איך וואלט געזאגט, איך מיין אז ס'איז אביסל אזוי קוקט אויס נאך אין די סוגיא פון די גמרא. איך וואלט געזאגט אז פשוט פשוט איז די פשט אין עומק הלומדות פון די גמרא, פון די אמוראים בעצם.

ווייל די חידוש אז ביטול בעלמא סגי מיינעך שטייט נאר אין די גמרא. איך וואלט געזאגט, אז ס'שטייט אין תורה "תשביתו", פארוואס פארשטייסטו א נארמאלער איד, א בעל הבית שיעור? אוודאי, ער נעמט דעם חמץ און ווארפט עס ארויס.

די חכמים זאגן, קום מער, טראכט אריין, וועסטו זען וואס איז דער ענין פון ארויסווארפן, ס'זאל זיין דא, דער עיקר איז דאך ס'זאל זיין בטל. ס'איז בעצם קען מען מבטל זיין.

אבער ס'איז זיכער אז דער נארמאלער סדר איז צו בודק צו זיין. ס'איז נישט אז ס'איז געווען, אמאל האט מען זיך געפירט בביטול בעלמא, און ס'איז געקומען די רבנים און געזאגט, ס'ווערט א מכשול, אזוי ווי אנדערע הלכות זענען אזוי.

ס'איז מער, אלעמאל פלעגט מען מאכן בדיקת חמץ. נאר די רבנים, די בעלי תלמוד חכמים פארשטייען אז דאס איז נישט בעצם מוכרח מצד די מדאורייתא. פארוואס? ווייל מדאורייתא קען מען דאך מבטל זיין. אלא מאי, די עצם ביעור איז שוין מדרבנן, ממילא קומט אויס קולות און פרטים אין דעם.

אבער פארשטייסטו דאך אז ס'איז נישט שטארק אזוי ווי... פארשטייסטו זאגן למשל ביי שבת, ווען ס'שטייט "תשבות", מיינט מען זיכער אז דו זאלסט נישט טון קיין פעולות. דאס אז דו זאלסט טראכטן, דאס איז אויך גראדע אזא זאך ווי כאילו כל מלאכתך עשויה, אבער דאס איז שוין אז דאס זעט מען דורך נישט טון ארבעט.

איך מיין אז ס'איז דא דרבנן וואס איז מער אזוי ווי א גזירה כדי צו סלק'ן א פראבלעם. ס'הייסט, אמאל פלעגט מען זיך אפשר נישט פירן דאס? ס'איז דא אזעלכע גזירות, ס'איז דא אמאל וואס האט זיך אלעמאל געפירט, און די חכמים קומען און געמאכט א נייע גדר מיט א מכשול.

ס'זעט נישט אויס אז א בדיקת חמץ איז אזוי, ס'איז מער אז אוודאי פלעגט מען אלעמאל בודק זיין אז ס'איז חמץ, נאר די לומדים, די גמרא, לערנט אז דאס איז נישט בעצם וואס די תורה האט געמיינט מעיקר הדין, עפעס אזא סארט חילוק.

#### דער רמב"ם'ס לשון: אין בודקין לאור הלבנה ולא לאור החמה

**Speaker 1:** אקעי, אז **"אין בודקין"**. האבן מיר געלערנט פרטים, שוין, מיר האבן געלערנט אז די בדיקה דארף זיין ביינאכט. יעצט גייט מען רעדן ווייטער, **"אין בודקין"**, מ'זאל עס טון **"לאור הנר"**.

דער רמב"ם האט געזאגט צוויי זאכן: מ'זאל עס טון ביינאכט, און מ'זאל עס טון לאור הנר, ווייל ביינאכט איז סיי דער עולם איז אינדערהיים ביינאכט, און סיי דער נר ארבעט גוט ביינאכט.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"אין בודקין לא לאור הלבנה ולא לאור החמה"**. די תקנת חכמים איז מ'זאל עס טון דוקא ביי א לעכט, און נישט נוצן די לעכטיגקייט פון לבנה, אדער אויב מ'טוט עס בייטאג, חמה.

**Speaker 2:** ניין, בייטאג איז יא חמה גוט.

**Speaker 1:** איך מיין אז "לאור החמה" מיינט צו זאגן אביסל... זאלסט טון דוקא ביינאכט.

**Speaker 2:** בייטאג מיינסטו י"ג, רייט, די טאג פארדעם, רייט.

**Speaker 1:** איך מיין אבער אז ס'מיינט ביינאכט, אפשר ווען ס'איז נאך ביי די שקיעה דארף מען אביסל...

**Speaker 2:** קען זיין, יא, אנפאנג נאכט, יא.

**Speaker 1:** איך קען עס פארשטיין, ווייל נישט דאס איז די זעלבע זאך ווי זאגן אינדערפרי. מ'קען דאך יא בודק זיין ביום אין א לעכטיגע שטוב לאור החמה. ער גייט שוין זאגן ווען דער אור החמה העלפט.

**Speaker 2:** אקעי.

#### דוקא לאור הנר — נישט אבוקה

**Speaker 1:** **"ולא לאור הלבנה"**. ער מיינט צו זאגן אז ווען די חכמים האבן געזאגט "לאור הנר", האבן זיי געמיינט דוקא. נישט אז זיי האבן דיר געגעבן אן איידיע און דו וועסט זאגן, "אה, קען אויך זיין עניטינג ענליך." ניין, זיי האבן געמיינט דוקא נר.

און נישט למשל אבוקה. א מענטש וואלט געטראכט, אבוקה איז נאך בעסער ווי א לעכט, ס'איז א גרעסערע לעכט. אבער די גמרא למשל זאגט אז אבוקה איז שווער צו בודק זיין מיט אבוקה, ווייל די אבוקה אזוי ווי ער גייט נישט פאראויס, ער גייט אין בעק, וואטעווער, איך געדענק נישט פונקטליך וואס די גמרא זאגט פארוואס נישט אבוקה.

נאר **"לאור הנר"**, ווייל שאור הנר איז גוט, מ'קען זיך אראפבייגן און קוקן מיט דעם.

#### נפקא מינה להלכה: פלעשלייט

למשל, אין די היינטיגע מציאות זאגט מען אז א פלעשלייט האט אן ענליכקייט, ווייל ס'שיינט צו די פלאץ, די פאוקעסט לעכטיגקייט.

**Speaker 2:** יא, נישט קיין קשיא מיט "לקנות נרות" ביי די בדיקת חמץ.

**Speaker 1:** רייט, איך מיין צו זאגן, אויב וועסטו עס צוגלייכן צו עפעס, וועסטו זאגן אז א פלעשלייט איז אזוי ווי א לעכט, ווערסעס לאמיר זאגן סתם א גרויסע לייט איז מער ענליך צו אור החמה אדער אור אבוקה.

שוין, ס'איז נישט אזוי וויכטיג, מיר מיינען דאך נישט דא צו מאכן די פראקטישע הלכה.

### הלכה ג — במה דברים אמורים: בחורים ובמחבאות; אכסדרה; אמצע החצר

#### במה דברים אמורים — בחורים ובמחבאות

**Speaker 2:** ביי מורי ורבותי, זאגט דער רמב"ם די הלכה אז מ'דארף טשעקן... מ'קען שוין גארנישט טון מיט א לעכט. דו ווייסט וואס מ'נוצט א לעכט פאר לעכטיגקייט? סיריעסלי?

**Speaker 1:** אבער פון די אנדערע זייט, היינט טוען מענטשן בדיקת חמץ אסאך מער גרונטליך פון אפאר טעג פאר יום טוב.

**Speaker 2:** דאס איז די אנדערע זאך, מ'דארף וויסן. אן אנדערע שמועס, נישט פאר יעצט.

**Speaker 1:** יא, זאגט דער רמב"ם, **במה דברים אמורים?** אז מ'דארף א לעכט, אז מ'דארף בודק זיין לאור הנר, **בחורים ובמכבאות**, אין ווינקלעך און אין לעכער, אין באהאלטענע פלעצער וואס דארטן איז טונקל און שווער צו זען, און די לעכט העלפט. און אויך די זון קומט נישט דארט אן.

אבער, אינטערעסאנט, און מסתמא וואלט ער אויך געמיינט צו זאגן, אדער סתם אזוי, אין א צימער וואו ס'איז נישטא קיין פענסטערס, אזא מין פלאץ, דארף זיין לעכטיג.

איך זאג דיר, די "אבל" גייט ער נישט די פארקערטע פון חורים ומחבאות, נאר ער גייט די פארקערטע פון א צימער וואו ס'איז נישט לעכטיג.

**Speaker 2:** רייט, אבער אינמיטן די צימער דארף מען נישט גארנישט קיין לעכט, קענסט דאך זען.

**Speaker 1:** קען מען פלעין אויסקערן און זען, יא.

#### אכסדרה שאורה רב — לאור החמה דיו

**Speaker 1:** **אבל אכסדרה שאורה רב**, א פלאץ וואו ס'איז באלאכטן, אכסדרה איז א צימער וואס האט נישט קיין ווענט, ממילא איז עס גוט באלאכטן, **איז אם בדקה לאור חמה הרי זה דיו**, ווייל דער עיקר איז מ'זאל עס זען, ס'איז נישט עפעס א גזירת הכתוב פון א לעכט.

#### אמצע החצר — העופות מצויין שם

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **ואמצע החצר אינו צריך בדיקה**, אין די חצר דארף מען אויך קוקן אין די ווינקלעך, אבער אין די צענטער פון די חצר אינו צריך בדיקה, **מפני שהעופות מצויין שם**, אין אזא פלאץ איז דא עופות, **והם אוכלים כל חמץ שיפול שם**, אויב פאלט עפעס אראפ וועלן עס די פייגלעך עסן. ממילא דארף מען ווייטער נישט קיין בדיקה, מ'קען אננעמען אז די פייגלעך האבן עס געגעסן.

#### חידוש: היינטיגע הייזער מיט גרויסע פענסטערס

**Speaker 1:** אפשר אין אן אמאליגע צייטן איז נישט געווען אזויפיל פענסטערס, די ציור וואס די חכמים האבן געטראכט אז ס'וועט גענוג זיין די זון איז נאר אן אכסדרה, וואס איז אפן אינגאנצן פון די זייט אדער פון איין זייט.

היינט בויעט מען מיט זייער אסאך גרויסע פענסטערס אין יעדע צימער, סאו בייטאג איז גאר לעכטיג. איך מיין אז ס'איז אין אן אמאליגע וועג פון בויען, א נארמאלע הויז האט נישט געהאט גרויסע פענסטערס.

סאו היינט וועט יעדע צימער האבן די דין פון אכסדרה, א פלאץ וואו ס'איז באלאכטן. איך מיין אז בייטאג, וואס איז א צימער מיט פענסטערס?

**Speaker 2:** יא.

### הלכה ד — חור שבאמצע הבית; חור שבין ישראל לגוי

#### חור שבין ישראל לחבירו — עד מקום שידו מגעת

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, שוין, די אמצע החצר איז ווייל ס'איז א חזקה אז די פייגלעך עסן, ממילא דארף מען בכלל נישט קוקן, אדער ממילא איז עס עכט בטל. אויב פאלט אמאל אראפ עפעס א בלעטל, איז אונז בודק, ס'פעלט נישט אויס בדיקה אין א פלאץ וואו אונז האבן אז פייגלעך וואלטן זיכער געגעסן.

**Speaker 2:** זייער גוט.

**Speaker 1:** שוין, נאך הלכות פון בדיקה. זאגט דער רמב"ם, **"חור שבאמצע בית שבינו לבין חבירו"**, צווישן צוויי צימערן איז דא א לאך, און לאמיר זאגן ס'איז א פלאץ וואו מ'לייגט דארטן חמץ. און וואס איז די הלכה?

דארף מען נישט כאילו אויפגראבן און טון עקסטרע פעולות צו ממש אנקומען ביז איבעראל פון די לאך, נאר יעדער איינער דארף טרייען זיין בעסט. **"זה בודק עד מקום שידו מגעת, וזה בודק עד מקום שידו מגעת"**. יעדער איינער דארף גיין אין זיין חלק פון די לאך ביז וואו ס'גייט. **"והשאר מבטלו בלבו"**. די איבריגע, די פלאץ וואו ס'איז... ווי ביידע קענען נישט ריטשן, איז גענוג די ביטול בלב.

אזוי-ווי מיר האבן געלערנט אז די ביטול בלב איז דאך די עיקר, און די תקנת חכמים פון בדיקה איז נאר וויפיל ס'איז שייך. זיי האבן נישט מחייב געווען צו טון עפעס, איך ווייס נישט, אזעלכע זאכן ווי צו ווארפן א וואנט אדער אזא סארט זאך.

#### חור שבין ישראל לגוי — חשש סכנה

**Speaker 1:** ווייטער, ס'איז דא דא נאך א שורה אין די רמב"ם, אין געוויסע גרסאות איז נישט דא, לייגט ער צו, אבער דאס איז צווישן צוויי אידן זאל יעדער איינער זוכן.

אבער אויב איינער וואוינט לעבן א גוי, **"חור שבין ישראל לגוי"**, זאל מען נישט בודק זיין, ווייל דער גוי גייט פילן עפעס, דער גוי באבערט אין די לאך לעבן אים, און ער שטייט דארטן ביינאכט אנגעטון מיט די בגדי שבת לכבוד המצוה, מיט א לעכט, ער גייט אויסקוקן ווי ער טוט דא עפעס ריטשועלס, און ער וועט זאגן "מעשי כשפים", ער טוט עפעס כישוף, ער פארכישופ'ט מיר, ער מאכט קללות, איך ווייס נישט וואס, ער טוט א פולסא דנורא, און ס'גייט ברענגען א סכנה. דארף מען נישט בודק זיין אין אזא פאל.

ווייטער, ווייל די זעלבע סיבה, וואס איז נאר א דרבנן דארף מען עס נישט טון במקום ווען ס'איז א חשש סכנה.

#### דיסקוסיע: דער מגיד משנה איז נישט גורס; דער רמב"ם'ס שיטה אין כישוף

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, די אלע זאכן איז... איך וויל נאר זען וועגן דעם, דער מגיד משנה זאגט אז ער איז נישט גורס די שטיקל. איך זע אויך אין מיין דרוק וואס איך ברענג דא, שטייט עס טאקע אין אשתנאי רב שילת.

און איך טראכט אז דאס האט מסתמא צו טון מיט דעם וואס דער רמב"ם האט נישט געגלייבט אין כישוף. סאו אפילו די גוים, לויט'ן רמב"ם, גלייבן נישט אין כישוף. סאו אויב דער גוי איז א רמב"מיסט...

**Speaker 2:** ניין, דער מגיד משנה ברענגט אז ס'איז דא א מחלוקת אין א גמרא, און ס'איז דא וואס זאגן אז מ'זאל נישט חושש זיין.

**Speaker 1:** קען זיין אז דער רמב"ם פסק'נט אז אויב דער גוי איז א רמב"מיסט... איך מיין, דער עיקר פוינט איז דאך אז די חכמים האבן נישט גוזר געווען די גזירה במקום חשש סכנה.

**Speaker 2:** דאס איז אמת, דארט האט דאך די גמרא צוגענומען וועגן סכנה, וועגן א מקום שכיח חזקה הייסט דאס, קען מען זיך נישט נאמן זיין, און קען מען, ס'איז א מצוה.

**Speaker 1:** אבער איך טראכט אז אפשר די גוי איז אריינגעפאלן בטעות, ער גלייבט שוין אין כשר.

**Speaker 2:** אקעי.

#### כלל: עד מקום שידו מגעת

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, האסטו יעצט געלערנט וועגן זוכן אין נאכט. ס'קען זיין אז ס'איז בכלל, אויב דו פארשטייסט אליין אז א סכנה דארף מען נישט, דאס הייסט אז עד מקום שידו מגעת.

**Speaker 2:** אקעי.

**Speaker 1:** דאס הייסט, מ'זעט דא אז אויב מ'קען נישט...

**Speaker 2:** אה, דאס איז טייטש ידו מגעת, אמת. תודה.

### הלכה ה — כל מקום שאין מכניסין לו חמץ אינו צריך בדיקה

#### דער כלל: מקום שאין מכניסין לו חמץ

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, די הלכות, איך האב דאך יעצט געזאגט מ'דארף טשעקן אין לעכער, גייסטו ווערן צומישט און מיינען אז מ'דארף טשעקן איבעראל.

זאגט ער, ניין, איך רעד אין לעכער ווי ס'מאכט זיך אז מ'זאל אריינלייגן דארטן חמץ. אבער **כל מקום שאין מכניסין לו חמץ**, א פלאץ וואו מ'לייגט נישט דארטן קיין חמץ, אבער וואס מ'מיינט אין מכניסין לו חמץ, אטליסט אזוי אין די גמרא, איז נישט ווי מ'לייגט נישט יעדן טאג, נאר וואו ס'איז נישט דא קיין סיבה צו טראכטן אז מ'האט געלייגט חמץ, ווייל אפילו א פלאץ ווי די ציור אין די גמרא איז אז אפשר דער שמש גייט ווערן לייגן אראפ זיין ברויט.

א פלאץ וואו מ'לייגט נישט קיין חמץ, **אינו צריך בדיקה**.

**חזקה: פייגלעך האבן עס אוועקגענומען**

ס'שטימט אויך מיט די הלכה פון אין די חצר דארף מען נישט וועגן פייגלעך. ס'איז אינטערעסאנט אזא חזקה, ווייל זיי האבן עס שוין אוועקגענומען. מ'לייגט יא חמץ, אבער זיי האבן עס אוועקגענומען. אבער מ'קען זיך פארלאזן אויף סברא און אויף חזקה.

**דוגמאות פון מקומות שאין מכניסין בהם חמץ**

איז גייט יעצט דער רמב"ם אויסרעכענען דוגמאות פון פלעצער. לכאורה א בית, מ'האט יעצט גערעדט וועגן א לאך דארף מען יא, אבער דאס איז אינמיטן. דארטן וואו דער מענטש ריטשט, לייגט ער אמאל אריין זאכן.

אבער לעכער אויבן אדער אונטן פון די הויז, וואו ס'איז נישט די ריטש פון וואו מענטשן לייגן נארמאל חמץ. אדער גג היציע, די דאך...

**הלכה ב (המשך) — וועלכע פלעצער דארפן בדיקה און וועלכע נישט**

**Speaker 1:** ער זאגט אז די יציאה איז אזא קליינע סטאראדזש פלאץ לעבן די הויז, און ס'קומט מיט אזא שיפע דעכעלע העכער דעם. און אויב יא אז ס'איז א שיפע דאך, איז נישט א פלאץ ווי מ'לייגט עפעס ווייל ס'וועט ארויפפאלן. אדער ורפת בקר, א שטאל, אדער ולולין, א שטאל פאר טשיקענס. מטבן, א פלאץ וואו מען האלט טעבן. ואוצרות יין ואוצרות שמן שאינו מסתפק בהם, ווייל ער גייט שוין זאגן די פארקערטע פון דעם. אוצרות יין ושמן, ווי למשל ווי ס'ליגט אוועקגעלייגט אין גרויסע פעסער וואס מ'גייט נישט דארטן אינמיטן די סעודה נעמען. ובית דגים גדולים, די פלאץ וואו ס'ליגט אוועקגעלייגט גרויסע פיש, איז נישט די פלאץ וואו מ'קומט אינמיטן די סעודה נעמען פיש, ווייל מ'דארף פאר דעם א מעסער, ס'איז נישט פראקטיש.

**אין צריכין בדיקה, אלא אם כן** נאר, ער ווייסט אז **זכרין איז להם חמץ**, אז מ'האט אמאל געלייגט דארטן חמץ.

אבער וואס יא? אוצרות שכר, די פלאץ וואו מ'האלט ביר, ס'איז אנדערש ווי אוצרות יין וואס מ'האט גערעדט פריער. שכר רעדט מען דא מסתמא פון די נישט חמץ'דיגע ביר, יא? די ביר פון תמרים. אבער אז מ'גייט דארטן אינמיטן די סעודה, ואוצרות יין שמסתפקין ממנו וואו ס'ליגט די ווין, וואס מ'קען גיין אינמיטן די סעודה נעמען פון דארטן ווין. ובית המלח, די זעלבע זאך, די פלאץ וואו מ'האלט די זאלץ. ובית השעוה, די פלאץ וואו מ'האלט די שעוה צו מאכן לעכט. די אלע זאכן גייט מען אינמיטן די סעודה. די לעכט האט זיך אויסגעלאשן, גייט מען נעמען נאך שעוה פאר לעכט. ובית דגים קטנים, די פלאץ וואו מען האלט די פיש, וואס איז שוין יא קלענער צו שטיקל, גרייט אויף צו נעמען ביי די סעודה. ובית העצים, די פלאץ וואו מען האלט די האלץ, גייט מען אינמיטן די סעודה נעמען האלץ. ובית המורייס, די פלאץ וואו מען האלט די געוויקטע פישלעך. או חורי הבית האמצעיים, די לעכער פון די הויז וואס איז אינמיטן פון די הויז, וואו ס'איז די פלאץ וואו מ'ריטשט גרינג, וכיוצא באלו, עניליכע פלעצער פון דעם, איז יא **צריך בדיקה**.

דא זאגט מען נישט אויב ער ווייסט, נאר אפילו ער ווייסט נישט, אבער דאס איז די חזקה **שסתמא אשר מכניסין להם חמץ**. סתם ענין איז אז אין אזעלכע פלעצער מאכט זיך אז מ'זאל אריינלייגן חמץ.

**דער כלל פון ידיעה vs. חזקה**

זאגט דער רמב"ם, אפילו אין די פלעצער איז נישט פשט אז די סתם איז שטערקער ווי דיין ידיעה. **ואם ידע בודאי שלא הכניס שם חמץ, אינו צריך בדיקה.** אלץ ווען ער ווייסט נישט. ווען ער ווייסט נישט, זאג איך אז די זאכן האבן א חזקה אז נישט, די זאכן האבן א חזקה אז יא. אבער ווען ער ווייסט, גייט מען אינגאנצן נאך זיין ידיעה, לחומרא און לקולא.

**הלכה ב (המשך) — בדיקת מרתף, שתי שורות החיצונות**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **כשבודק המרתף**, ווען מ'טשעקט די מרתף, די פלאץ וואו מ'האלט די ווין. ווין פלעגט מען האלטן אין א מרתף, ווייל ס'איז א פלאץ וואו ס'האלט זיך קאלט, ווין דארף א גוטע טעמפעראטור. איז ווי ווייט דארף מען טשעקן? מ'דארף נישט טשעקן אין די גאנצע מרתף, נאר די פלעצער וואו ס'מאכט סענס אז מ'זאל פון דארטן נעמען. **בודק ממנו שתי שורות החיצונות.** אין די משנה זענען דא צוויי שיטות ווי אין די מרתף מ'דארף טשעקן, און דער רמב"ם זאגט אונז די הלכה, מ'דארף טשעקן די שתי שורות החיצונות. די צוויי שורות זענען די מערסטע נאנט צו וואו דער מענטש קומט אריין, וואס איז די מערסטע עקספאזד. וואס מיינט? **שהיא העליונה**, די אויבערשטע שטאק, **ושלמטה ממנה**, די צווייטע שטאק. יא, דאס זענען די דעטאלן פון ווי אזוי ס'פלעגט אמאל ליגן אין די ווין סטאר.

אקעי, נאך א וויכטיגע זאך וואס דער רמב"ם האט געזאגט.

**הלכה ב (המשך) — אין חוששין שמא גררה חולדה**

**דער רמב"ם'ס פירוש vs. רש"י**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם אזוי: וואס טוט זיך אויב א מענטש האט שוין... די גמרא זאגט עס אויב ער האט שוין בודק געווען, אבער א מענטש קען דאך יעצט אנהייבן טראכטן, אין הכי נמי, די פלאץ איז נישט א פלאץ, בית דגים גדולים איז נישט א פלאץ ווי איך לייג אמאל אראפ חמץ, אבער ס'מאכט זיך דאך מזל, איך וועל עס טראגן זאכן פון איין פלאץ אין צווייטן. זאגט דער רמב"ם, ניין, אין חוששין, מ'דארף נישט חושש זיין, **שמא גררה חולדה חמץ למקום שאין מכניסין בו חמץ.** אז אפשר איבעראל זאל הייסן א מקום שמכניסין בו חמץ, ווייל ס'איז דאך דא בעלי חיים וואס טראגן זאכן. זאגט דער רמב"ם, ניין, **שאם נחוש**, אויב גייט מען חושש זיין פון איין פלאץ צו די אנדערע, גייט מען אנהייבן חושש זיין מער און מער. ס'איז דאך, מ'קען אייביג טראכטן אזעלכע מיני חששות, **נחוש מעיר לעיר, ואין לדבר סוף.** לכאורה קען מען אנהייבן אז די פייגלעך עסן, אבער אין א גאנצן פלאץ וואו אונז ווייסן זיכער אז ס'קומען פייגלעך. אבער על כל פנים, דער רמב"ם זאגט אז מ'טאר נישט, מ'דארף טאקע חושש זיין אזוי ווי מקום, אפשר האט מען געלייגט חמץ, אבער נישט איבערטרייבן.

רייט, דער רמב"ם'ס פירוש, זאגט דער מאור עינים, די משנה איז מסביר אז די משנה רעדט זיך נישט, אזוי ווי רש"י לערנט אז דאס רעדט זיך נאך די בדיקת חמץ, אז מ'זאל מורא האבן אפשר האט ער יעצט בודק געווען דא, און שפעטער איז געקומען א חיה און גענומען דארט. נאר דער רמב"ם רעדט אז דאס איז א דין אין מקום שמכניסין בחמץ. אז מ'זאגט נישט, אין יעדע פלאץ איז אפשר א מקום ווייל עפעס א חולדה קען קומען.

דער רמב"ם טייטשט, וואס קומט אריין מעיר לעיר. פארשטייסטו דאך אזוי?

**Speaker 2:** יא, ווייל מעיר לעיר דארטן מיינט מען אין א שטאט ווי די גאנצע שטאט שוין פון ביום החמישון, ס'איז נישט דער רמב"ם. דער רמב"ם זאגט אז פירוש רבינו איז יא פארקומען.

**Speaker 1:** איך פארשטיי נישט אזוי גוט דער רמב"ם'ס פירוש, ווייל דער שא"כ מאכט נישט קיין סענס, אדער מאכט ווייניגער סענס אין מיין קאפ. דאס מיינט די לשון מעיר לעיר. די ווארט **ואין לדבר סוף** שטימט זייער גוט מיט דער רמב"ם. מ'הערט וואס דער רמב"ם זאגט אז... אז מ'קען נישט איבערטרייבן נישט חששות. אקעי, אלס תשעה, מ'איז נישט חושש אזוי ווייטער. אבער די גאנצע מנין בית לבית, מעיר לעיר, דאס סאונדט

עפעס אנדערש. די אין ענין **ואין לדבר סוף** סאונדט מער ווי רש"י'ס פשט אז ס'רעדט זיך נאך די בדיקה, און אפשר האט מען נישט צוריקגעשטעלט.

#### דיגרעסיע: ספקא דרבנן ביי בדיקת חמץ

**Speaker 1:** מ'קען עס געבן אזא שטיקל הלכה'דיגע כללים זאך, אז די אלע זאכן זענען דאך דרבנן'ס. נארמאלע רייט וואלט מען געזאגט אז ספקא דרבנן דארף מען נישט מחמיר זיין, אבער זעסט דאך אז די חכמים האבן יא געזאגט, אפשר האט מען געלייגט חמץ, זעט מען אז מ'האט יא חושש געווען אויף א ספקא דרבנן. בדיקת חמץ איז דאך די רבנן.

**Speaker 2:** יא, אבער דאס איז די מצוה. ס'איז נישט קיין מצוה אויף חושש'ס.

**Speaker 1:** וואס קענסטו זאגן פלעצער וואו ס'איז דא אן ערנסטע חזקה? אין די קיטשן. אבער גיין אינדרויסן פון די קיטשן איז דאך שוין נאר א ספקא דרבנן. אבער מ'זעט אז ניין, מ'האט יא מחמיר געווען אין דעם.

**Speaker 2:** זאגט רבן, מ'האט נישט מחמיר געווען מיט דעם עד אין שיעור. מ'האט מחמיר געווען אין דעם...

**Speaker 1:** איי, איי, איי. שוין. אקעי, ווייטער.

#### הלכה ג — הניח עשר חלות ומצא תשע

**Speaker 1:** יעצט גייט מען לערנען... יא, לאמיר לערנען... איינמאל מ'האט געלערנט אז מ'טאר נישט צופיל חושש זיין, גייט מען לערנען וואס מ'קען אלץ חושש זיין. וואסערע מיני מעשיות קען זיך אלץ מאכן? לויט די רמב"ם שטומט עס זייער גוט. ס'איז בכלל נישט קיין סתירה. דאס שטייט איין חושש, און ס'רעדט זיך אז מ'זאל נישט זאגן אז יעדע פלאץ איז א בחור פון הכניסים וחמורים. אבער... וכן, ווייטער, אבער... וואס איז... אוי, וואס האט יא א גוטע ריזען חושש צו זיין, דארף ער יא חושש זיין.

וואס טוט זיך אזא פאר? א מענטש האט בודק געווען ליל ארבעה עשר, און ס'איז דא דער מנהג, ס'זעט אויס פון דא קומט דער מנהג אז מ'מאכט צען ברעקלעך. יא, ס'איז דא דער נומער, צען ברעקלעך. **"והניח עשר חלות"** — ער האט אראפגעלייגט צען שטיקלעך ברויט, אדער צען... ס'זעט אויס חלות מיינט צען כזיתים. א חלה מיינט א...

**Speaker 2:** יא, אבער ער רעדט פון גאנצע, נישט פירורין. א חלה מיינט א רעפטל, א בולקע, איך ווייס נישט ווי אזוי.

**Speaker 1:** יא, אבער איך זאג סתם אז סתם א כזית, וויניגער ווי א כזית וואלט אפשר אנדערש, די הלכה איז שוין געווען אנדערש. און אבער די חלה מיינט א גאנצע שטיקלעך.

**Speaker 2:** יא, איך זאג סתם אז ער רעדט מיר דא א גרויסע שטיקלעך.

#### דער פאל און דער דין

**Speaker 1:** און ער קומט צוריק די נעקסטע טאג ווען ער וויל מאכן ביעור חמץ, און ער טרעפט נאר ניין.

**Speaker 2:** יא, רבי, איך מיין צו זאגן, ער קומט צוריק און ער טרעפט נאר ניין, ס'טייטש איינע פון זיי איז נעלם געווארן.

**Speaker 1:** איז וואס וואלט מען ווען דו האסט געקענט זאגן? וואלט מען געקענט זאגן, איך ווייס, מ'דארף נישט חושש זיין, ס'איז נאר א דרבנן, מ'דארף נישט חושש זיין. ניין, **"הרי זה חושש"**, מ'דארף יא חושש זיין. און **"וצריך לבדוק פעם שנית"**. די מצוה פון בדיקה הייבט זיך אן פריש אמאל. מ'דארף... ס'איז דאך פשוט, ווייל ער ווייסט דאך יעצט אז ס'איז דא...

**Speaker 2:** אה, פארוואס?

**Speaker 1:** ווייל דא זאגט מען א רעגערערער חולדה, או עכבר בודאי. און דאס וואס מ'זאגט אז מ'דארף נישט חושש זיין אזא חולדה טראגט פון איין פלאץ צו די אנדערע, איז ווען אונז זאלן נישט קיין ריזן צו טראכטן אזוי. אבער דא איז דאך דא עפעס א רגלים לדבר אז ס'איז א וודאי. ס'איז א וודאי, ס'איז יא וודאי. וואו איז געגאנגען די צענטע שטיקל?

**Speaker 2:** קען זיין אז מ'רעדט דא אז ס'איז נישט... אויב איז א וודאי וואלט נישט געווען קיין חידוש. דאס וואס האסט פארעכנט געזען צען איז געווען א טעות.

**Speaker 1:** וואס איז געשען?

**Speaker 2:** העלא? זאגט מיר, ניין, א חולדה קען קומען. וואס ווייסטו בודאי?

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, יא, בודאי. די הלכה איז, דאס זאג איך, דו ביסט אפשר ווארד אז מ'איז יא חושש און מ'איז נישט חושש. אויב איך ווייס, און די הלכה איז בעיסיקלי אז יעצט ווייס איך אז ס'איז דא פארלוירן א שטיקל חמץ. דארף דוקא א חולדה, ס'קען זיין א מלאך צו קענען.

**Speaker 2:** ניין, אבער איך קען נאך אלץ הערן, וואס איז די אנדערע? ווייל אנדערע סברא וואלט געווען?

**Speaker 1:** ס'איז נישט דא קיין אנדערע סברא. ער וויל נישט דא זאגן אז אויב ס'איז דא וודאי חמץ אין די הים דארף מען נאכאמאל בודק זיין. דאס איז דאך פשוט אז ס'איז דא א נייע חובת בדיקה. אבער דא קען מען דאך אויך טראכטן אז די חולדה האט עס אפשר געטראגן זייער ווייט אוועק. ס'איז ווייטער נאר א ספק. די חולדה האט עס אוועקגענומען, אבער איינמאל... יעדע בדיקה איז א ספק.

**Speaker 2:** איך פארשטיי וואס דו זאגסט? דארף ער טשעקן. אויב ער טשעקט און ער טרעפט נישט, האט ער נישט געטראפן. ער איז דאך יוצא געווען זיין חיוב בדיקה. אבער יעצט ווייסטו זיכער אז דא אין דעם צימער איז דא עפעס א חמץ. וואס מ'האט דיר געטראפן?

**Speaker 1:** יא, נישט זיכער. דו ווייסט זיכער אז ס'איז נישט בדוק, ס'איז דאס ווארט אויס בדוק, ווייל ס'איז זיכער דא עפעס א שטיקל וואס איז נערוואר דא, וואס איז ערגעץ דא און ער זעט עס נישט.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** שוין, און ווייטער, ווייטער.

#### הלכה ג (המשך) — ראה עכבר שנכנס לבית וחמץ בפיו

**Speaker 1:** **וכן, אם ראה עכבר שנכנס לבית**, אזא פאל, א מענטש זעט אן עכבר ארייןקומען אין שטוב, **חמץ בפיו אחר בדיקה**, מ'האט שוין בודק חמץ געווען, דא זעט ער א מייזעלע מיט חמץ. איז אויכעט, הגם, מען קען טראכטן אפשר איז עס פון ערגעץ אנדערש אדער וואס, אבער ניין, **צריך לבדוק פעם שניה**. ס'גייט אריין אין דיין הויז, דער מייזעלע פארט אריין אין דיין הויז מיט חמץ. איז דארף מען מורא האבן אז דער מייזעלע גייט עס איבערלאזן דא ערגעץ אין דיין הויז. איז **צריך לבדוק פעם שניה**, דארף מען מאכן נאכאמאל בדיקת חמץ.

**אפילו אם מצא פירורין באמצע הבית**, ער האט געטראפן קליינע ברעקלעך, דאס מאכט אים טראכטן, אה, דער עכבר האט עס אויפגעגעסן, און ס'האט געבלעבן ברעקלעך ווען ער האט געגעסן. **אין אומרים**, קוק, **ער כבר אכל אותה הפת במקום זה וראה פירורין**, איך האב דאך דא אפילו עפעס א ראיה אז ער האט עס אויפגעגעסן. ניין, דאס איז נאר אן assumption. און מ'טוט נישט, **אלא חוששין** אז ער האט יא איבערגעלאזט ערגעץ **בחור או בחלון**. אה, דו זעסט די ברעקלעך? אפשר די ברעקלעך איז געווען. דארף מען פריש בודק זיין.

ווייל טאקע זעט אז א תינוק איז אנדערש, אבער אן עכבר, ווייל ס'איז נישט דער דרך פון אן עכבר עמיצדער צו מאכן פירורין. סאו, דער פירורין האט נישט צו טון. מסתמא דער עכבר האט נאך אלץ באהאלטן דעם שטיקל ברויט ערגעץ, און דער פירורין איז סתם, ס'האט נישט באמערקט פריער, ס'איז געווען פירורין. אדער דו האסט יא באמערקט, נישט די פוינט, ס'האט גארנישט צו טון.

**אם לא מצא קלום**, אויב ער טרעפט נישט גארנישט ביי די חור או חלון, **הרי זה בודק עליו**.

**הלכה ט': תינוק וככר בידו — דין פירורין**

**Speaker 1:** האסטו אפילו די רגלים לדבר, די ברעקלעך איז די עווידענס אז די קינד האט געגעסן די ברויט. פארוואס? **דרך התינוק לפרר בעת אכילתו**, קינדער ברעקלען ווען זיי עסן, **אבל אין דרך עכבר לפרר**, מייזלעך ברעקלען נישט. **ואם לא מצא פירורין כלל**, אבער אויב האט ער נישט געטראפן קיין שום ברעקלעך, ווייטער איז יא די זעלבע דין אזוי ווי פריער ביי די עכבר, און מ'דארף בודק זיין אפשר האט די קינד עס נישט געגעסן, נאר עס אוועקגעלייגט ערגעץ.

**חידוש: פירורין האבן בכלל נישט קיין חשיבות**

**Speaker 1:** עפעס וואס מ'זעט דא אינטערעסאנט איז אז די פירורין אליינס, לכאורה קיינמאל דארף מען נישט בודק זיין. אזוי קומט אויס דא אזוי קלאר, ווייל ס'שטייט נישט אז מ'דארף אויפקלייבן די פירורין. און דו זעעסט אז אויב ס'איז פירורים, זאגט מען "אה, ער איז פטור", ווייל ס'איז דאך די פירורים פון דעם. פירורים איז סתם אזוי בטל. איך ווייס נישט וואס ס'שטייט. ס'שטייט דא אז פירורים איז נישט א זאך וואס מ'דארף בודק זיין. אזוי שטייט, איך מיין, לכאורה בפירוש אין די הלכה. פירורים יהא הפקר.

**Speaker 2:** אה, יעצט זאגט מען ביי מצות ברקים.

**Speaker 1:** יא, איך ווייס נישט וואס ס'האט צו טון. מ'דארף נישט מפקיר זיין. ס'איז ממש הפקר. ס'איז נישט חשוב כעפר, ס'איז כעפר. אזוי זעט אויס.

**Speaker 2:** יא. איך ווייס נישט. ס'איז דאך נאר א דיוק.

**Speaker 1:** ניין, אזוי איז טאקע. אין הלכה זאגן זיי אז זאכן וואס האבן בכלל נישט קיין חשיבות, קליינע ברעקעלעך, איז ממש גארנישט חשוב.

**Speaker 2:** יא. אקעי. יא, ווייטער.

**הקדמה להלכות ספיקות בבדיקה**

**Speaker 1:** שוין, יעצט גייען מיר לערנען ווען ס'איז דא ספיקות. ביז יעצט ווען מיר לערנען אז ס'איז זיכער אז ס'איז געבויט אויף די זעלבע. ס'איז געבויט אויף די זעלבע סיטואציע, דאס הייסט אז ער האט געבלאזט צען און ס'איז געבליבן נאר ניין. אבער ס'איז נישט א ספק צו די ניין איז א חמץ אדער מצה. בקיצור, אלעס איז אין די ענליכע סיטואציע אז ער ווייסט אז ס'איז געבליבן עפעס, אבער ס'איז נישט ודאי אז ס'איז געווען א שטיקל, נאר אזא ספק.

**מחלוקת רמב"ם וראב"ד: צו די הלכות געהערן צו בדיקה אדער ביטול**

**Speaker 1:** און די רמב"ם לערנט אז די אלע הלכות האט צו טון מיט הלכות בדיקה. זייער אינטערעסאנט. דער ראב"ד מיינט איך דינגט זיך, ווייל דער ראב"ד זאגט אז ער פארשטייט נישט, אויב ס'איז א ספק דארף איך גלייך זיין...

**Speaker 2:** יא, זעסטו אז דער ראב"ד דינגט זיך?

**Speaker 1:** איך וויל לאזן דא אין הלכה. הלכה י', זאגט דער ראב"ד, אז ער איז נישט מסכים די גאנצע זאך, ווייל דער ראב"ד זאגט אז די אלע הלכות, די חירות שטייט אין די גמרא, די אלע ספיקות רעדט זיך לערנען ביטול וואס איז מדאורייתא, אבער בדיקא איז דאך נאר מדרבנן. ס'דארף דאך זיין סתם אז די רגע וואס ס'איז דא א ספק דארף זיין ספק דרבנן לקולא, און מ'דארף נישט קענען מאכן... חוץ דעם איז דער ראב"ד מחילק אויף פארשידענע פון די רמב"ם'ס כללים וואס ער מאכט דא.

על כל פנים, די עצם הלכה, דער רמב"ם זעט נישט אויס אז ער איז מדרבנן. קען זיין אויב ס'איז א רוב אז ס'איז א ספק, דארף מען וויסן. ספקי דרבנן דארף עס יא מחמיר זיין, אבער באופן יסודי, איך מיין אז ס'איז דא א מחלוקת צו די אלע הלכות האבן מיט הלכות בדיקה אדער מיט הלכות ביטול.

**קשיות אויפן ראב"ד**

**קשיא א': בדיקה מיינט דאך נאכזוכן ספיקות**

**Speaker 1:** איך פארשטיי נישט די ראב"ד'ס זאך, ווייל די גאנצע דין בדיקה בכורים ובוזקים זאגט אז איך פארלאר מיך נישט אויף זיין. וואס מיינט בדיקה? אז איך פארלאר מיך נישט. בדיקה בכורים ובוזקים. מ'דארף זוכן אפשר דא אין א לאך. אין א לאך איז דאך שוין א ספק.

**Speaker 2:** יא, באט דאס איז דאך די זעלבע זאך.

**Speaker 1:** דאס ווארט בדיקה מיינט אז מ'דארף נאכזיכן. דאס איז בכלל...

**Speaker 2:** ניין, איך בין נישט מסכים.

**קשיא ב': ביטול איז נישט ספעציפיש**

**Speaker 1:** אבער די אנדערע זאך וואס מ'וואונדערט מיך אויף די ראב"ד איז אז ביטול איז דאך נישט... ער קען דאך א גאנצע וועלט זאגן, אלעס איז בטל, אלעס איז בטל. ווי געשעט די אלע גרויסע שווערע ספיקות? ביטול איז דאך נישט אויף די ספעציפיק שטיקל ברויט. ביטול איז דאך אז אויב ס'איז דא סיי וועלכע חמץ, אדער... ווערט דאך געזאגט ביי די ווער.

**Speaker 2:** לויט דיר ווערט דאך דאס געזאגט.

**Speaker 1:** ניין, איך פרעג. אדרבה, זאגט ווי מיר. דער ראב"ד האט געזאגט אז גארנישט וועגן חמץ וואס דו ווייסט נישט. ס'איז נאר געשטאנען אז ביטול מיינט אז ער נעמט חמץ און עס איז מבטל. ס'איז נישט געשטאנען גארנישט, ער איז מבטל א חמץ מלבו. ער האט נישט געזאגט פון א געוויסער, ער האט נישט מבטל זיין, ווי ס'איז דא אלע חמץ איז בטל.

**Speaker 2:** דאס זאגסטו.

